גליון תנ"ח

# נקדישך

פ' נצבים-וילך תשפ"ו

מרומם זיין
עבודת התפלה
וקדושת ביהמ"ד
מיט די "הייליגע
קבלה" נישט
צו רעדן ביים
דאווענען

## הוא מושיענו

סיפורי ישועה מכלי ראשון בזכות הקבלה בקדושת התפלה

וַיַּדְרִיכֵם בְּדֶרֶךְ יְשָׁרָה לָלֶכֶת אֶל עִיר מוֹשָׁב

### די בינען זענען געווארן געפערליך צעלאזט, זיי האבן אנגעהויבן צו בייסן און רייסן, און דאַן האָט פּאַסירט דאָס שרעקעדיגע...

**פּאָלגענד** איז א גאר אינטערעסאַנטע לעצטערע עפּיזאד, וואס האט זיך אפּגעשפּילט אין א חשוב'ער מוסד אין בארא פּארק, און ס'ווערט איבערגעגעבן דורך אַ מרביץ תורה חשוב בקרב המוסד, מיט וועמען מיט האָבן פּערזענליך גערעדט, און געהערט די מעשה, ווי פּאָלגענד:

*

איך בין עוסק במלאכת הקודש אין מוסדות סאטמאר-בארא פּארק. אויפן זומער זענען מיר געווען אין קעמפּ פון די מוסדות, אין 'סוואַן לעיק'-ניו יאָרק.

עס איז געווען סוף זומער, דאנערשטאג פּרשת כי תצא, און לכבוד דעם סיום הזמן האָבן מיר זיך ארויסגעלאָזט אויף א ספּעציעלער פּראגראם: חזר'ן "תרי"ג מצוות" אויף אַ באַרג, אין אַ וואַלד נעבן דעם קעמפּ! אַזויווי די תלמידים האבן פלייסיג געלערנט אין קעמפּ די תרי"ג מצוות, וועט מען עס יעצט איבער'חזר'ן, אונטער א געשמאקן ווינטל, נאָך א באַ'טעמ'טער שפּאציר.

אָפּגעשמועסט האָט מען, אַז מ'וועט חזר'ן פופציג מצוות אויפן וועג "בעל פה", און

המשך אויף עמוד ב'

## כַּדָּבָר הָאָמוּר

פנינים ומרגליות על הפרשה בענייני תפלה

### הַנִּסְתָּרֹת לַה' אֱלֹקֵינוּ:

**דער** אריה"ק זאגט, אז אינ'אמת'ן וואלט געפּאסט אז מיר זאלן דאווענען נאר במחשבה און נישט בדיבור, ווייל דאס מויל קען נישט ארויסברענגען אלעס וואס עס ליגט אין הארץ, ווי מיר זאגן **'אילו פינו מלא שירה כים וכו' אין אנחנו מספיקים להודות'**. די סיבה פארוואס מיר דאווענען מיטן מויל איז, כדי אויסצולערנען פאר אונזערע קינדער צו דאווענען און לויבן דעם באשעפער, ווייל ווען מיר וואלטן געדאווענט בלויז אין הארץ וואלט זיך דאס נישט אנגעזעהן אינדרויסן, און זיי וואלטן זיך דאס נישט אפּגעלערנט.

דאס איז מרומז דא אין פסוק: **'הנסתרות לה' אלוקינו'** - אונזער עבודת ה' וואלט געדארפט זיין בסתר, אין מחשבה, **'והנגלות'** - דאס וואס מיר דאווענען בנגלה, **'לנו ולבנינו עד עולם לעשות את כל דברי התורה הזאת'** - איז כדי אויסצולערנען די קומענדיגע דורות וויאזוי צו דינען דעם באשעפער. (מאור ושמש)

## סוֹד שַׂרְפֵי קֹדֶשׁ

קדושת ביהמ"ד במשנתם של בעלי ההילולא

הגאון רבי צבי הירש הורוויץ זצ"ל
בן הגה"ק בעל הפלאה - כ"ז אלול תקע"ז

בַּדּוֹר הַזֶּה בעוה"ר הַיצה"ר מָצוּי גַּם בְּבֵיה"כ כַּאֲשֶׁר אָנוּ רוֹאִים בַּעֲלִיל שֶׁמַּפְסִיקִין בְּשִׂיחָה בְּטֵלָה בִּשְׁעַת הַתְּפִלָּה וּקְרִיאַת הַתּוֹרָה, וז"ש כִּי כִּי יְדַבְּרוּ אֶת אוֹיְבִים בַּשָּׁעַר, ר"ל שֶׁהַבֵּהַ"כ שֶׁנִּקְרָא זֶה הַשַּׁעַר אֲשֶׁר לִפְנֵי ה' גַּם הָאוֹיֵב שֶׁהוּא הַיצה"ר הוֹלֵךְ לְשָׁם.

(לחמי תודה)



# הוא מושיענו

סיפורי ישועה מכלי ראשון בזכות הקבלה בקדושת התפלה

המשך פון עמוד א'

אזוי וועט מען שפאצירן און לערנען ביינאַזאַם – ווי קען דען זיין אַ שענערער "ובלכתך בדרך" ווי דעם?

איך האב מיטגענומען נאך אן אנדערע פּאַראַלעל-כיתה אינאיינעם מיט מיר, כדי אז אונזערע תלמידים זאלן אויסלערנען פאר די אנדערע תלמידים, און אַזוי וועט מען בעסער חזר'ן, ס'וועט זיין 'ללמוד וללמד לשמור ולעשות', אויפ'ן שענסטן אופן נאָר שייך...

פיין, א געוואלדיגער פלאן. יעדער האט הנאה געהאט דערפון, און שוין ארויסגעקוקט דערויף.

דער טאָג איז אָנגעקומען, און ס'איז געגאנגען אלעס כשורה. מ'האָט געקלעטערט אינאיינעם אַרויף צום באַרג, מ'האט געלערנט אויפן וועג, און ס'איז געווען זייער אַנגענעם, ביז מ'האָט דערגרייכט לראש ההר; צום שפּיץ בארג.

מען האט פארברענגט דארט אביסל. איך האָב געזאָגט אפאר ווערטער. מ'האָט געזונגען אינאיינעם עטליכע ניגונים, און דער פּלאַן איז געווען אז מ'דארף זיין צוריק דריי אזייגער צו מנחה.

*

נאָך די שיינע שעה'ן פאַרברענגנדיג אינאיינעם, איז געוואָרן בערך פאר איינס אזייגער – און מ'האט אנגעהויבן צו גיין אויפן וועג צוריק.

אַצינד איז מען געגאַנגען פאַרקערט; בארג אראפּ.

ערגעץ-וואו אינמיטן וועג האב איך אומבאַמערקט אַריינגעהאַקט אין א בינען נעסט! אַ נעסט קען זיין זייער רואיג, אַז מ'זאל אפילו נישט וויסן ס'עקזיסטירט. אבער אויב גיבט מען עס א שאקל, דאַן ווערט אלעס צעווילדעוועט.

ווי נאָר איך האָב, צום באדויערן, אריינגעזעצט דערינען, זענען די בינען געווארן געפערליך צעלאזט... זיי האבן אנגעהויבן צו בייסן און רייסן, ממש שרעקליך. די בחורים האָבן זיך דערשראָקן, מ'האָט געכאפּט ביסן, און מ'האט נישט געוואוסט וואס ס'האט באטראפן.

און דאַן האָט פּאַסירט דאָס שרעקעדיגע. – דער עולם האָט זיך גענומען לויפן! ס'איז געוואָרן א בהלה. א צעמישעניש, און אַזוי האָט מען אָנגעהויבן שפּאַנען אַן אַנדערער וועג ווי מ'איז געקומען.

מ'האט אנגעהויבן צו גיין ווייטער אראפ, מ'איז געגאנגען און געגאנגען און געגאנגען. אָבער נאָך אַ האַלבע שטונדע וואָקן אומאויפהערליך, האָט מען געזען דעם בראָך. – די וועג וואו מיר גייען פירט נישט אין ערגעץ נישט!

אין אידיש: מיר בלאָנדזשען!

*

מיר זענען געוואָרן זייער דערשראָקן, און פארשטייט זיך קודם האָט מען זיך אָפּגעשטעלט. מ'האט אנגעהויבן רופן פאר הילף. מ'האט אונז צום ערשט געגעבן אָנווייזונגען טעלעפאָניש – גיין דא און דארט. מיר האָבן פּרובירט געבן סימנים, צו זאגן פונקטליך אויף וועלכן באַרג מיר זענען, ווי ווייט פונעם שפּיץ, אא"וו, אבער מ'האט געזען אז מ'קומט נישט אָן אין ערגעץ.

אָבער, דערווייל האָט זיך דער הימל פארשוואַרצט, און א רעגן האט אנגעהויבן גיין!

דער עולם ווערט נאַס, מ'איז אפּגעמוטשעט. מ'הייבט אָן ווערן אָנגעצויגן.

ביז יעצט איז עס נאך געווען א שטיקל אונטערהאַלטונג... בחורים... מ'בלאָנדזשעט... אבער זעענדיג ווי ס'נעמט נישט קיין עק, און דא ווערט מען דורכגענעצט, און אויסגעמאַטערט, האָבן אַ חלק בחורים שוין אָנגעהויבן דערשראָקן ווערן, און פארשטייט זיך אַז איך, אלס מגיד שיעור, מיטן אחריות, בין נישט רואיגער געוואָרן זעענדיג ווי די בחורים הייבן אָן פּאַניקן...

אינצווישן האָט אָנגעהויבן ווערן מורא'דיג קאלט. מ'האט געהאלטן נאך באלד א גאַנצע שעה זיין אונטערן רעגן. איין בחור האָט עס געשאָדט זעט אויס, און ער האָט אָנגעהויבן ממש נישט גוט צו שפּירן. ער האָט זיך ממש געוואָרפן און געטראַסקעט פון קעלט, אַז פשוט מ'האט נישט געקענט גיין מיט אים ווייטער!

מ'האָט גערופן הצלה, חברים, און די הנהלה פון קעמפּ. אַ בחור קוקט אַזוי אויס, איז עס גארנישט קיין וויץ. ווער קען דען נעמען פאראנטווארטליכקייט?

*

די געטרייע "הצלה" מיטגלידער האָבן פּרובירט כאפּן וואו דאס איז – אָבער אויך זיי האָבן נישט געקענט אויס'חשבונ'ען וויאַזוי אָנצוקומען אַהער. זיי האבן פּרובירט שיקן וואָלונטירן פון איין זייט באַרג, און אַן אַנדערע גרופּע מעמבערס פון דער אַנדערער זייט - אָבער מ'טרעפט נישט גאָרנישט.

ביזדערוויל איז קאלט. ביזדערווייל רעגנט. ביזדערווייל פּאניקן די בחורים. ס'לויפט דורך נאך א שעה, און ווי א קייט רעאַקציע האָבן נאך בחורים אָנגעהויבן זיך באקלאגן אז ס'איז זיי שלעכט. איין בחור האט אנגעהויבן שרייען אַז ער אָטעמט נישט גוט. איך ווייס נישט צי ס'איז געווען עכט, צי ס'איז געבוירן געוואָרן פון שרעק און דמיון, אָבער אין פאַקט האָט ער געשפּירט באמת ווי ער האַלט עס נישט אויס!

אונטערשטע שורה: מיר זענען געווען 'זיבן און פערציג נפשות'; יעדער איז פאַרלוירן; צוויי בחורים זענען 'ערנסט' נישט אין אָרדענונג, איינער וואַרפט זיך און ס'קוקט אויס ווי ער פאלט צוזאם, דער צווייטער

המשך אויף עמוד ט'

# אַדִּיר וְחָזָק

ציטוטים קצרים מספה"ק
על עוצם כחה של תפלה

## העולם ומלואה ממתינים על תפילתך שתכריע אותם לכף זכות

הנה ידוע, דכל היצור, וגם המלאכים, כל חיותם ומצבם הכל תולה ועומד על התעוררות תחתוניות, וכמאמר חז"ל, לעולם יראה אדם עצמו כאילו חציו זכאי וחציו חייב, עשה מצוה אחת אשרי לו שהכריע את עצמו ואת כל העולם לכף זכות, ובפרט עתה בראש השנה, שמלאכים יחפזון וחיל ורעדה יאחזון ויאמרו הנה יום הדין, צריך להסתכל במעשיו שיקיים ויכריע כל העולם לכף זכות, וזה שאמר הקרא, שאי סביב עיניך וכו', שכל העולם כולו ומלואה ממתינים על תפילתך שתכריע אותם לכף זכות, מלאכים ואופני הקודש וכל איש ישראל, על כן שים נא אל לבך שכל אלה תלויים בכל אחד ואחד מישראל, שאם יזכה הוא מקיים עולם ומלואו ויגרום להם בריאה חדשה ולהוריד להם משפע ברכה עליונה. (ישמח ישראל בפרשתינו)

## העיקר שיהיה צועק בלבו בקול רם

מש"כ בשו"ע להתפלל בימים נוראים בקול רם, אין הכוונה ח"ו כמו שנוהגין העולם לצעוק בתפילת שמונה עשרה ולהרים קולם, רק העיקר שיהיה צועק בלבו אל ה' בקול רם, ולהגביה לבו אל ה', והעיקר שיתפלל שישוב השי"ת להיות מלך על כל הארץ, ויופיע רחמיו בעולם, כדי שיוודע שמו בקרב הארץ, ועי"ז ישפיע שפע קודש בני חיי ומזוני וכ"ט לנו ולכל החוסים בו אמן. (עבודת ישראל בפרשתינו)

# וַיַּשְׁמִיעֵנוּ

ידיעות שונות ומטמוניות נפלאות
בנושא של תפלה

## קודם התפלה יקרא פ' התשובה

יקרא פרשת התשובה קודם התפילה המבואר בפ' נצבים, הפסוקים והיה כי יבואו עליך כל הדברים האלה, ויתפלל להשי"ת שיתן בלב כל ישראל לשוב בתשובה שלימה, ובלבו בכללם. (סדר היום)

# נְקַדְּמָה פָנָיו בְּתוֹדָה

**נ**ודה לשמך בתוך אמוני, מ'דארף דאנקען דעם באשעפער על כל החסד שעשה ועושה ויעשה, און צו דער זעלבער צייט איבערגעבן א גרוס פאר די צענדליגער טויזנטער מקבלי הקבלות, צוזאמען מיט די חשוב'ע ליינער פון 'נקדשיך', פון דעם געהויבענעם נסיעה צום יארצייט פונעם הייליגן **תוספות יו"ט** - ו' אלול העעל"ט.

דער מעמד **'בקשת רחמים'** ביים ציון הק', איז געווען בהתעוררות רב. סיי די אמירת התהלים בציבור, און אודאי ביים הויכפונקט, ביים אראפלייגן די צענדליגע טויזנטער קבלות פון אידן מכל קצוי תבל, און אויך ביים זאגן דער 'מי שברך' פונעם בעל הילולא ברוב עם מלה במלה. ס'איז זיכער אז אין הימל איז געווען א געוואלדיגער עת רצון, און עס האט אודאי משפיע געווען אויף כלל ישראל אלע סארט השפעות ברוחניות ובגשמיות. אמן כן יהי רצון.

מ'דארף אויך דאנקען דעם באשעפער, אז אלע אנדערע חלקים פונעם נסיעה, די 'סעודת הילולא', און אזוי אויך די תפילות ביי די אנדערע צדיקי עליון, אלעס איז ב"ה געווען על צד היותר טוב. **הודו לה' כי טוב כי לעולם חסדו!**

"הודאה לה'" איז א מצוה, און אזוי ווי ביי יעדער ענין בעבודת ה', קען זיך ביי דעם ענין פון הודאה אויך מאכן נסיונות, און מ'דארף זיך שטארקן דערויף. אמאל קען זיין א מעמד, א חתונה פון א קינד, א נסיעה, וכדו', וואס איז געווען בהצלחה גדולה, און ערגעץ-וואו מאכט זיך א קליינע שוועריגקייט וואס דאס נעמט אוועק דעם ריכטיגן בליק אויף אלע גוטע חלקים וואס זענען געווען פארדעם און נאכדעם. די עבודה איז, זיך מתבונן צו זיין אויף די גוטע חלקים, און דאנקען דעם אויבערשטן דערויף.

טאקע ביי דעם געהויבענעם נסיעה, האט זיך ביים אהיימפארן געמאכט א פארשפעטיגונג מצד דער עירליין, און צוליב דעם האט איין קבוצה פארפאסט א קאנעקטינג פלייט, און מ'האט פונעם ערשטן סטאפ געדארפט נעמען נאך א פליגער קיין פראנקפורט, און איבערנעכטיגן דארט. עס האט גענומען שעות ביז מ'האט באקומען נייע טיקעטס און א האטעל (א צווייטע קבוצה איז געבליבן שטעקן אין וויען). למעשה, איז דער גמר הנסיעה געווען 'אביסל אומבאקוועם' מילד געזאגט, בפרט אז ס'איז געווען ליל שישי, און יעדער וויל דאך זיין אינדערהיים אין צייט אויף שבת... מ'האט אבער איינגעזען אז דאס איז א מעשה שטן, וואס פרובירט צו פארשטעלן די חסדים גלויים פון אזא געשמאקע נסיעה ברוחניות ובגשמיות.

*

**ס'איז** באקאנט דער מאמר חז"ל 'כשם שמברך על הטובה כך מברך על הרעה'. א גוטער איד האט געזאגט: רוב מענטשן ווילן וויסן וויאזוי מ'קען מקיים זיין דעם 'כשם שמברך על הרעה', אפילו ווען ס'איז נישט גוט. איך מוטשע זיך, זאגט דער איד, מיטן 'כשם שמברך על הטובה'. דער אויבערשטער געבט מיר אזויפיל גוטס, און איך זע עס נישט איין, און איך דאנק אים נישט גענוג!

מ'האט דעם פארגאנגענעם וואך געליינט אין די פרשה די מצוה פון ביכורים. די מפרשים פרעגן, מה כל הרעש? א איד ברענגט א קארב מיט פירות און מ'מאכט א גאנצער עסק דערפון, א גאנצע באגלייטן און ביטול מלאכה. נאך א גרויסער חידוש, וואס עפעס דארף מען זאגן א גאנצער פזמון, אנגעהויבן פון 'לבן הארמי', די שווערע צייטן אין מצרים, 'ונצעק אל ה''. וואס איז די לאנגע אריכות?...

נאר וואס? די מצוה פון ביכורים איז דער יסוד פון וואו מ'לערנט ארויס 'הכרת הטוב' - צו דאנקען אויף גוטס. דאס קומט אונז לערנען, ווען דו ווילסט דאנקען אויף גוטס, קענסטו נישט סתם אזוי געבן אזא זאג 'שכוח', און ווייטער געגאנגען. מ'דארף זיך מתבונן זיין אין דער גאנצער מצב וואו מ'איז געווען אמאל, ווי שווער ס'איז געווען דעמאלס, וואס איך בין אלס אדורך, און לויט דעם זאל מען געבן א שבח והודאה פארן אויבערשטן. דוד המלך ע"ה זאגט "מי חכם וישמר אלה ויתבוננו חסדי ה'", מ'דארף צולייגן התבוננות צו דעם.

דער נקודה איז וויכטיג יעצט, שטייענדיג ביים ענדיגן דעם יאר, גרייט זיך יעדער איד אודאי צו די הייליגע טעג בתשובה ובתיקון המעשים, אבער צו דער זעלבער צייט ליגט א פליכט זיך מתבונן צו זיין בחסדי ה', און צו דאנקען דעם באשעפער אויף זיינע אלע חסדים. מ'דארף זיכער מאכן, אז מ'פארזעט נישט קיין גוטס וואס דער באשעפער האט געטון מיט אונז במשך כל השנה.

אין די סליחות דעם מוצאי שבת\זונטאג הייבן מיר אן מיטן פסוק **'נקדמה פניו בתודה בזמירות נריע לו'**. דער הקדמה צו ימי הרחמים והרצון איז: **דאנקען דעם באשעפער!**

*

**ווען** עס קומט צו די תפילות פון די ימים הנוראים, קוקן אסאך אידן ארויס ווען מ'וועט שוין אנקומען צו די ווארעמע פיוטים, וואס זענען מיוחד לתפילה ותחנונים, א שטייגער ווי 'לא-ל עורך דין', 'ונתנה תוקף', דארט וויל מען אריינלייגן אלע כוחות און כוונה, צו קענען מתפלל זיין אויפן נייעם יאר. דער אמת איז אבער, אז דער עיקר עבודה הייבט זיך אן תיכף ביים אנהייבן ברכות השחר, פסוקי דזמרה, ברכות יוצר אור, טאקע די שירות ותשבחות וואס מ'זאגט יעדן טאג אין יאר, זאל מען בימים הנוראים זאגן מילה במילה, בכוונה נכונה, ובהתלהבות עצומה, און אט-די שירות ותשבחות וועלן עפענען די טירן פאר אונזערע בקשות שיתקבלו ברחמים ורצון.

דער **לקט יושר** שרייבט אויף זיין רבי דער **תרומת הדשן:** הגאון ז"ל, הוי מנגן מר"ח אלול בחול עד אחר יוהכ"פ **בברוך שאמר** כמעט שעה אחת'. דער 'ברוך שאמר' אין חודש אלול און אין די עשי"ת האט אים געדויערט **א שעה צייט!**

דער פסוקי דזמרה דארף בכלל נישט זיין מיט וויינויגער כוונה פון אלע פיוטים וואס מ'לייגט צו בימים הנוראים. אמאל בשעת'ן בענטשן 'ברכת המזון' האט דער גאון **רבי שלמה זלמן אויערבאך** זצ"ל איבערגעזאגט 'נודה לך'. די מקורבים האבן אים שפעטער געפרעגט דערוועגן. האט ער געזאגט, אז ווען איינער האט נישט אינזין געהאט ביים בענטשן, הייסט עס נישט געבענטשט, ווייל 'הודאה' דארף זיין מיט כוונה. ביים בעטן א בקשה, האט ער נאכגעזאגט בשם הפוסקים, אפילו מ'האט נישט אינזין געהאט, אבער וויבאלד למעשה האט ער געזאגט די ווערטער, האט מען יוצא געווען. אבער דאנקען אן כוונה הייסט נישט געדאנקט (כמובן הבאנו זאת למעשי"ה ולא להלכה).

די פסוקי דזמרה קען נישט זיין סתם געזאגט, ביי ביכורים שטייט 'וענית ואמרת', מ'דארף עס זאגן בהרמת קול, מיט א חיות און התלהבות. דער 'אז ישיר' ראש השנה און יוה"ק זאל נישט זיין מיט וויניגער קול המעורר הכוונה, ווי דער געשריי ביי 'היום תאמצנו, היום תברכנו'.

*

**ס'איז** באקאנט די מעשה, ווען דער **בריסקער רב** זצ"ל איז געווען אין מארינבאד, איז געווען דארט א סטאלינער חסיד, וועלכער האט אראפגעלייגט א פסוקי דזמרה אויפן סטאלינער שטייגער, בקול רעש גדול. די מקורבים פונעם רב האבן אים געוואלט אפשטילן אביסל, אז ער זאל נישט מאכן אזא גערודער און שטערן. אבער דער בריסקער רב האט זיי נישט געלאזט.

דעם אנדערן טאג האט דער בריסקער רב זיך געטראפן מיט דעם איד, האט ער געגעבן א געשריי: ר' משה, ר' משה!

ער וואונדערט זיך פארוואס שרייט דער רב אזוי, ער שטייט דאך דא, ממש נעבן אים?...

האט דער בריסקער רב אים געזאגט, נעכטן בשעת'ן דאווענען ווען דו האסט געזאגט 'קרוב ה' לכל קוראיו', האסטו אויך געשריגן, דער באשעפער איז דאך ממש נעבן דיר?...

האט דער סטאלינער חסיד צוריקגעענטפערט: "גערעכט, כ'האב געוואוסט אז דער באשעפער הערט, **כ'האב אבער געשריגן, ווייל כ'האב געוואלט אז איך זאל הערן!**"

*

**צום שלוס:** לאמיר זיכער מאכן, אנגעהויבן פון יום א' סליחות הבעל"ט, יעדן טאג ממש, צו קומען אין צייט, צו קענען דאווענען און אנהייבן ברכות השחר און פסוקי דזמרה, בשבח והודיה צום באשעפער, במתינות ובקול, און טאקע אין די טעג ווען מ'זאגט סליחות, און מ'דארף גיין צו די ארבעט אין דער זעלבער צייט, זאל דאס דאווענען ח"ו נישט זיין שוואכער, נאר פארקערט, **בתודה ובזמירות נריע לו.**

תפלת יום שב"ק

# סמיכת גאולה לתפילה (ב)

## נאך חילוקים צווישן חול און שבת

**אין 'קיצור הכוונות'** פונעם **רמח"ל** (סדר קבלת שבת) ערקלערט ער נאך א טעם על פי קבלה, פארוואס שבת דארף מען נישט סומך זיין גאולה לתפילה, און ער שרייבט: **'ובגאל ישראל תכוין להמשיך רוח יתירא מבחינת יום שבת, ועוד תכוין להארת היסוד היורד לקבל מלכות. אלא שבכאן אין צריך לסמוך גאולה לתפלה בנשימה אחת כמו בחול, כי כבר בשבת אין יראה מן החיצונים'.**

דער **שפת אמת** שרייבט עטליכע מאל (שמות תרנ"ג, ואתחנן תרל"ד) א טעם על פי חסידות, אז שבת זעלבסט איז בבחינת גאולה, און דעריבער פעלט נישט אויס עקסטער צו דערמאנען די גאולה בעפאר שמונה עשרה.

*

## שבת דארף מען ערשט מסמיך זיין!

**אין** זיין ספר **ארץ החיים** (ברכות ט:) פונעם בעל **באר מים חיים**, איז ער מבאר, אז באזירט אויפן משל פונעם ירושלמי, אז דערמאנען 'גאולה' איז ווי מ'קלאפט אויפן מלך'ס טיר, און עס פאסט נישט אוועקצוגיין ווען ער עפנט דעם טיר, קומט אויס אז שבת איז א כל שכן אז מ'דארף מסמיך זיין גאולה לתפילה.

וזל"ק: **'זה ודאי ראוי בשבת יותר מבימי החול. שידוע שבחול הקב"ה מקבל תפלות ישראל ע"י שליח, ובשבת מקבל בעצמו, והמלך בעצמו כביכול הוא הפותח, והאיך יפליג אדם וילך משם?'**

*

## א סגולה צו מסמיך זיין גאולה לתפילה

**אין הנהגות מרבי מאיר פאפירש** (אות קכב) ווערט געברענגט, אז עס איז א גרויסע סגולה לשמירת הנפש סומך צו זיין גאולה לתפילה, דעריבער זאל מען זען מקפיד צו זיין אויך אום שבת ויום טוב מסמיך צו זיין גאולה לתפילה.

*

## הלכה למעשה

**ווי** שוין געברענגט, פסק'נט דער **משנה ברורה** (סי' קיא, סק"ט) להלכה, אז בנוגע ענטפערן אמן יהש"ר, קדושה און ברכו, קען מען זיך פארלאזן אויף דער שיטה אויך שבת ביי שחרית, צו מפסיק זיין בין גאולה לתפילה.

אין **ביאור הלכה** איז ער מאריך צו מבאר זיין, אז כאטש דער 'שאגת אריה' איז מבאר להלכה ווי דעם 'בית יוסף', אז מ'מאכט נישט קיין חילוק צווישן שבת לחול, אבער ווען עס קומט צו אמן יהש"ר, דארף מען נישט מחמיר זיין, ווייל אפילו אינדערוואכן זענען דא מקילים וואס זאגן אז מ'מעג ענטפערן בין גאולה לתפילה.

אויך אין **שולחן ערוך הרב** ווערט גע'פסק'נט לגבי די שיטה אז שבת דארף מען נישט סומך זיין גאולה לתפילה: **'ואין לסמוך על סברא זו'**. און ווי באקאנט, האט דער בעל התניא מקפיד געווען אפילו שבת ביי מעריב נישט צו זאגן 'ושמרו', כדי נישט צו מאכן קיין הפסק, ווי עס איז באקאנט די מעשה אז ער האט זיך אויסגעדרוקט 'מ'קען נישט זיין ביי צווייי ירידן' אין דער זעלבער צייט, און איך וויל ענדערש זיין ביים יריד פון סמיכת גאולה לתפילה' (משבחים ואומרים, חוקת תשפ"ה).

*

## אינזין האבן צו מקבל זיין 'תוספות הרוח'

**עס** שטייט אין **שער הכוונות**, אז איידער מ'הייבט אן תפילת העמידה ביי שחרית, זאל מען מכוון זיין צו מקבל זיין דעם תוספת ה'רוח' פון שבת קודש.

אין **סידורו של שבת** (שורש ז, ענף ב) זאגט ער: 'בעת תפילת שמו"ע של שחרית דשבת, זוכים בני ישראל לאור נשמה יתירה מעולם הבינה עולם החירות'.

דער **בן איש חי** שרייבט (שנה שניה, פר' תולדות, אות יג), אז אויב מ'האט פארגעסן אינזין צו האבן די 'תוספת הרוח' ביי שחרית, איז דא אן עצה עס צו מכוון זיין איידער תפילת מוסף, נאך ה' שפתי תפתח, איידער מ'הייבט אן די ברכה.

*

## די ערשטע דריי ברכות זענען אויך אנדערש!

**עס** איז באקאנט די ווערטער פונעם **פנים יפות** (פר' יתרו), אויף דעם וואס חז"ל זאגן 'לא יהיה דיבורך של שבת כדיבורך של חול', אז דער פשט איז נישט בלויז אז מ'זאל נישט רעדן קיין דברים בטלים אום שבת, נאר אפילו די דיבורי קודש, און ווערטער וואס מ'זאגט אויך אגאנצע וואך, זאלן די זעלבע ווערטער געזאגט ווערן אנדערש ביי די תפילות אין שבת.

דער פנים יפות שמועסט דארט אויס, אז דאס מיינט מען צום ביישפיל די ערשטע דריי ברכות פון שמונה עשרה, וואס זענען פונקט די זעלבע אין די שבת'דיגע דאווענען ווי בימות החול, דארף עס אבער געזאגט ווערן אויף פיל א העכערער מדריגה, מיט מער כוונה און מחשבה - **'כי הכל תלוי בקדושת המחשבה. וכענין זה אמר שלא יהיה דיבורו של שבת כדיבורו של חול, שאפילו אותו דיבור של חול עצמו, כשתדבר אותו בשבת יהיה בקדושה יתירה'.**

## מיט וועלכע הלכה פסוקה שטעלט מען זיך דאווענען?!

**ד**ער **מהרש"ם** ברענגט (פר' חיי שרה), אז א געוויסער רב פון די חסידים פונעם הייליגן **אפטער רב** זצ"ל, איז אמאל געקומען צו הרה"ק **מרוזין** זצ"ל. דער רוזינער האט אים געבעטן ער זאל נאכזאגן א ווארט פונעם אפטער רב וואס איז נישט געדרוקט אין זיין ספר 'אוהב ישראל'.

האט ער נאכגעזאגט אזא ווארט: חז"ל זאגן **'אל יעמוד אדם להתפלל אלא מתוך הלכה פסוקה'** - א מענטש זאל זיך נישט שטעלן דאווענען נאר מתוך דערמאנען א הלכה פסוקה. האט דער אפטער רב געפרעגט: 'וועלכע הלכה פסוקה זאל מען דערמאנען בעפאר'ן דאווענען?' האט ער געזאגט - די הלכה פון 'יחיד ורבים הלכה כרבים', און ער האט ערקלערט:

עס איז דא א ויכוח צווישן אידן און השי"ת. דער אויבערשטער זאגט **'שובו אלי ואשובה אליכם'** - קודם זאלט איר זיך צוריקקערן צו מיר, און דאן וועל איך מיך צוריקקערן צו ענק. דאקעגן אידן זאגן **'השיבנו ה' אליך ונשובה'** - נעם אונז צוריק צו דיר, און דאן וועלן מיר תשובה טון.

דעריבער, ווען מ'קומט דאווענען, זאל מען זאגן די הלכה פסוקה אז **'יחיד ורבים הלכה כרבים'**, ממילא איז די הלכה ווי כלל ישראל, אז דער אויבערשטער דארף זיך קודם מרחם זיין אויף אונז, און אונז צוריקברענגען צו אים, און דאן וועלן מיר קענען תשובה טון.

דער הייליגער רוזינער איז זייער נתפעל געווארן פון דעם ווארט, און האט מוסיף געווען: איידער משיח וועט קומען, וועט געוויס זיין דאס וואס אידן זאגן צום באשעפער און זאגן שבת ביי נקדישך **'ממקומך מלכנו תופיע ותמלוך עלינו כי מחכים אנחנו לך'.**

*

# עַל יְדֵי צִדְקָךְ

## סיפורי קודש בעניני "עבודת התפילה" אצל צדיקים הק' בעלי ההילולא

### תולדות צדיק

**הגה"ק רבי ישראל מאיר הכהן קאגאן זי"ע**, באוואוסט אלס דער הייליגער **חפץ חיים** זי"ע, איז געבוירן געווארן צו זיין פאטער ר' **ארי' זאב** ז"ל, אין שטאט זיטל, אין יאר **תקצ"ח**. ער האט מחבר געווען צענדליגער חיבורים, וועלכע זענען געווארן מפורסם בכל קצוי תבל, צווישן זיי די ספרים 'משנה ברורה' אויף שולחן ערוך, ספר 'חפץ חיים' אויף לשון הרע, און ספר 'חפץ חיים' על התורה.

ער האט געפירט א ישיבה אין ראדין, פון וואו עס זענען אויסגעשטיגן גדולים ומפורסמים גאוני תורה, און ער איז נסתלק געווארן **כ"ד אלול תרצ"ב**, ומנו"כ אין **ראדין**.

*

### גייט גלייך צום אויבערשטן

**דער** חפץ חיים איז געווען באוואוסט מיט זיין גרויס פשטות און עניוות, און ווען אידן פלעגן קומען צו אים בעטן א ברכה פלעגט ער זאגן: "פארוואס קומט מען בעטן פון מיר, וואס איך קען גארנישט טון? גייט גלייך צו אים, וואס וויל און קען אייך העלפן!"

אסאך מאל פלעגט ער זאגן פאר אידן וועלכע זענען געקומען בעת צרתם, אז מ'זאל גיין אין א ווינקל זיך מתבודד זיין לפני קונו, און זייענדיג איינער אליין זאל מען זיך אויסרעדן צום אויבערשטן פון טיפעניש פון הארץ אזויווי א קינד רעדט צו זיין פאטער, און אין פשוט'ע ווערטער זאל מען בעטן פונעם אויבערשטן חסד און רחמנות, און דער רבונו של עולם וועט געוויס צוהערן צו זיין בקשה.

*

### מען דארף אליין תפילה טון

**אין** חודש אלול תרפ"ד, איז דער חפץ חיים געווען אין גראדנא, און זיין אכסניה איז באלאגערט געווארן פון טויזנטער מענטשן, וועלכע זענען געקומען פון נאנט און ווייט צו כאפן א בליק אויפן גדול הדור, און אים בעטן אז ער זאל מתפלל זיין פאר זיי.

האט דער חפץ חיים דעמאלס געזאגט: "קינדער, וואס דארפט איר מיר האבן אז איך זאל פאר אייך בעטן ביים טאטן אין הימל? איר ווייסט דאך אז א פאטער איז נישט צופרידן אז איין קינד זאל קומען בעטן א טובה פאר אן אנדערן קינד, נאר ער וויל אז יעדעס קינד באזונדער זאל קומען פערזענליך צו אים מיט זיין בקשה.

"אזוי איז דאך אויך מיטן טאטן אין הימל, דער רבונו של עולם וויל, אז יעדער איד זאל אליין קומען צו אים מיט זיינע תפילות ובקשות, נאר וואס דען, ס'איז דא פון אונז וועלכע שפירן אז דער טאטע איז אביסל ברוגז אויף זיי, קען איך אייך פארזיכערן, אז ער גארט זייער זיך איבערצובעטן מיט אונז, נאכמער ווי מיר מיט אים. ער ווארט נאר מיר זאלן צו אים קומען אליין! טייערע ברידער, פריער פון אלעם דארף מען אליין תפילה טון!"

*

# עבודת התפילה

אצל הרה"ק מרן

# בעל חפץ חיים

זיעוכי"א

נפטר כ"ד אלול תרצ"ב לפ"ק

### ווי חוני המעגל בשעתו

**עס** האט דערציילט הרה"ג **רבי אליעזר דוד פריעדמאן** זצ"ל:

איך האב געהערט א מורא'דיגע מעשה פון אן עד ראיה, הרב גראסמאן פון לאנדאן, וועלכער האט זוכה געווען אליין צו הערן די מעשה פון מרן הגה"ק **רבי אלחנן וואסערמאן** הי"ד זצ"ל, וועלכער איז געווען איינער פון די גרעסטע תלמידים פונעם הייליגן חפץ חיים.

רבי אלחנן האט דערציילט, אז ער האט אמאל צוגעקוקט ווי דער חפץ חיים שפאצירט אין א גארטן, און ער איז אים נאכגעגאנגען שטילערהייט, כדי צו קענען מיטהאלטן זיינע הייליגע הנהגות. ער האט געזען ווי נאכן גיין א שטיק וועג, איז דער חפץ חיים אנגעקומען צו א באהאלטענעם ווינקל, דארט האט ער אויפגעצייכנט א רינג ארום זיך אויף דער ערד - פונקט ווי חוני המעגל אין די גמרא - און ער האט אויסגערופן: "רבונו של עולם! איך וועל זיך נישט רירן פון דא ביז דו וועסט ענטפערן מיין בקשה".

שפעטער, ווען איך האב געזען ווי ער גייט אוועק פון דעם פלאץ, האב איך פארשטאנען אן קיין שום ספק, אז די תפילה פונעם צדיק איז אנגענומען געווארן אין הימל. היות זיין הייליג מויל איז דאך געווען גאר שטארק געהיטן מיט אן אויסערגעווענליכע פארזיכטיגקייט, און קיין שום ווארט פון ליגנט איז קיינמאל נישט ארויס פון זיינע ליפן, אויב האט ער צוגעזאגט אז ער וועט זיך נישט רירן פון פלאץ ביז מ'וועט אים נאכגעבן זיין בקשה, און למעשה האט ער זיך יא גערירט פון דארט, איז א קלארע סימן אז זיין תפילה איז טאקע געענטפערט געווארן (פניני תורה וחסידות).

*

### אזוי דארף א תהלים אויסזען

**א** איד איז אמאל אריינגעקומען צום הייליגן חפץ חיים, און זיך אויסגעגאסן זיין הארץ אז ער נויטיגט זיך אין א געוויסע ישועה. ער האט געבעטן אז דער צדיק זאל מתפלל זיין פאר אים, און מעורר רחמים זיין אז ער זאל געהאלפן ווערן.

האט אים דער חפץ חיים געפרעגט, איר האט שוין מתפלל געווען צום אויבערשטן? האט דער איד געענטפערט יא. האט אים דער חפץ חיים געזאגט, אז ער זאל מוחל זיין און אים אהערברענגען זיין תהלים אין וועלכע ער האט מתפלל געווען.

דער איד איז אהיימגעגאנגען, און געברענגט זיין תהלים צום חפץ חיים. נאכדעם וואס דער חפץ חיים האט דאס דורכגעבלעטערט, און געמישט אהער און אהין, האט ער געזאגט צו דעם איד, וויאזוי קענט איר זאגן אז איר האט זיך גענוג אויסגעבעטן און געדאווענט, די בלעטער זענען דאך שיין גלאַט אָן קיין פלעקן, עס דערקענט זיך בכלל נישט דערין קיין סימנים פון טרערן, איך וועל אייך ווייזן וואס תפילה מיינט.

דער חפץ חיים האט אים צוגעפירט צום ספרים-שאנק, און ארויסגענומען אן אלטן פארקנייטשטן תהלים'ל, וואס ס'האט זיך דערקענט דערויף אסאך פלעקן פון טרערן. זאגט אים דער חפץ חיים, דער תהלים קומט פון מיין מאמע, וואס אין דעם פלעגט זי מתפלל זיין און זיך אויסגיסן איר הארץ צו השי"ת, ביז דער תהלים איז געווארן אינגאנצן דורכגעווייקט פון די טרערן.

?

# מְשָׁרְתָיו שׁוֹאֲלִים

## שו"ת בהלכות תפלה

### פארפאסן זמן תפילה כדי צו זאגן סליחות

**שאלה: אויב מען איז אויפגעשטאנען שפעט אין די סליחות טעג, און אויב מען גייט זאגן סליחות גייט מען פארפאסן זמן תפילה, צי זאל מען זאגן סליחות אדער דאוונען מיט זמן תפילה?**

**תשובה:** מען דארף דאווענען מיט זמן תפילה, און אפילו אויב מען וועט נישט קענען זאגן סליחות שפעטער בציבור, זאל מען דאוונען פריער און זאגן נאכדעם סליחות ביחידות, ווייל דאוונען איז דער עיקר, און סליחות איז נאר א הוספה, און מען האט דאס נישט צוגעלייגט אויפן חשבון צו פארפאסן פונעם עיקר.

די שאלות ווערן געענטפערט דורך הרה"ג ר' **נחום צבי מאיר ראזענפעלד** שליט"א מו"ץ בשיכון סקווירא, ובעל הליכות החיים

איר קענט אנפרעגן א שאלה בעניני תפלה וקרה"ת דורכן רופן דעם קרן תוי"ט האטליין און דרוקן #2


ויקבלו
כולם
את עול
מלכותך
שטר
קבלה
הגורל הגדול
יתקיים יחד
עם כינוס גבאי
הקהלות
פרטים יבואו אי"ה
דערהייבט כבוד המלכות
דורך נעמען די הייליגע קבלה
שלא לדבר בשעת התפלה
כלל ישראל
שרייט המלך!


א קבלה
אויף די צוויי
הייליגע טעג
ראש השנה
הײ יאר פועל'ט מען!
די כח פון אייער קבלה וועט שפאלטן הימלען!
מיט יעדן קבלה גייט איר אריין אינעם גורל צו געווינען א מיליאן דאלאר פאר אייער בית המדרש
קרן תוספות יום טוב
212.299.9185
ktyt.org | Fax: 212.244.6551
Email: million@ktyt.org

הרה"ג רבי
יוחנן שיין
שליט"א

מחשובי המשפיעים
בארה"ק

# פארוואס האט רבי יענקעלע גאלינסקי ז"ל צעריסן דעם בריוו

## פארוואס שפיר איך נישט קיין טעם?

ווען מ'רעדט איבער דער נושא פון דאווענען, קומט ארויף אויפן אויבערפלאך וואס מענטשן זאגן: איך פיל נישט אן עקסטערע ווארעמקייט און געפיל אין דאווענען. ס'רעדט נישט צו מיר. איך דאווען אין שול, איך דאווען מיט א מנין, איך טו וואס מ'דארף, אבער איך פיל נישט עפעס אן עקסטערע ווארעמקייט און געפיל.

דער אמת איז אבער, אז יעדעס מאל ווען ס'איז דא א געוויסער חלק אין עבודת השם וואס א מענטש פילט אז ער האט נישט אין דעם קיין געפיל און קיין הנאה, קען זיין דערצו דריי סיבות.

די ערשטע סיבה; ער האט א גוף הגשמי. די גשמיות'דיגע גוף פארשטעלט די ליכטיגקייט און די ווארעמקייט וואס די נשמה האט, און ער פילט עס נישט. אויף דעם האבן צדיקים אויסגעלערנט, אז ס'איז דא א מושג פון הארעווען מיטן גוף. מ'הארעוועט אין א דאווענען מיט אלע כוחות. וואס איז די מטרה פון דעם? אזוי לייטערט מען און מ'איידלט אויס דעם גשמיות'דיגן גוף. די נשמה וויל דאווענען צום אויבערשטן, אבער דער גוף פארשטעלט עס. וועגן דעם שלעפט מען אריין דעם גוף אין עבודת ה', אזוי פארשטעלט ער נישט די נשמה, ממילא קען דער מענטש האבן א געפיל.

די צווייטע זאך איז עבירות. ס'מאכט שמוציג דעם מענטש, און ס'נעמט אוועק די נאטירליכע רגש וואס א איד האט אין רוחניות. און אויף דעם איז דא א זאך וואס הייסט 'תשובה'. תשובה איז דא איין חלק, א מענטש האט געזינדיגט, דער אויבערשטער איז אים מוחל, ער גיבט אים נישט קיין עונש. אבער ס'איז דא דער צווייטער חלק, דאס איז די לעצטע פון די י"ג מידות, 'ונקה'. דאס מיינט, דער אויבערשטער רייניגט אויס. וואס איז די מטרה פון ווערן ריין? אזוי קען ער ווערן צוריק א ווארעמער הארציגער איד.

אבער ס'איז דא א דריטער חלק אויך, און אויף דעם וויל איך פארברייטערן. אבער פארן גיין צום דריטן חלק, וויל איך דא עפעס פארשטעלן פארן עולם. צווישן אלע וואס זיצן דא זענען מסתמא דא אזעלכע מוכשרים וואס טוען אין בויען. האב איך א שטיקל הצעה, איך וויל מציע זיין, אפשר איז דא איינער וואס קען פארדינען פון דעם 'צען מיליאן שקל'.

*

## ווער קען בויען א בריק?...

**דא** אין טבריה וויל מען בויען א שיינעם בריק איבערן גאנצן 'כינרת'. מענטשן וועלן קענען שפאצירן און פארן אויפן בריק. ס'איז א מורא'דיגע זאך. איך האב געוויסע קשרים, איך ווייס נישט אויב אלע ווייסן... זיי זענען מציע, אז איינער זאל נעמען דעם פראיעקט צו בויען דעם בריק. מ'וועט אים צושטעלן אלעס וואס פארלאנגט זיך; ארבייטער און כלים, און ער וועט באקומען דערפאר 'צען מיליאן שקל', אבער איין זאך פאדערט מען פון אים, ער דארף נוצן בלויז די ידיעות און כשרונות וואס ער האט שוין, ער קען נישט יעצט גיין לערנען און שטודירן וויאזוי מ'בויט עס.

יעדער וואס פארשטייט אין בויען ווייסט בערך וויאזוי ס'ארבעט צו בויען א בריק. יעדער איינער פארשטייט, אז אפילו איינער וואס האט א מהלך און ער קען, דארף ער עס אבער לערנען. אפילו דער גרעסטער פראפעסאר, אויב גייט ער נישט לערנען וויאזוי צו ארויסברענגען פון אים די זאך וואס ער האט, קען ער האבן אין זיך די בעסטע כשרונות, ער וועט אבער נישט מצליח זיין. דאס איז א דבר מוסכם ברור ופשוט אין יעדן תחום, אין יעדן כשרון וואס איז דא אין דער וועלט.

משום איזה סיבה שהוא ברוחניות, ווען א מענטש פילט אז ער האט נישט קיין געשמאק אין עבודת השם, וואס זאגט ער? "איך האב עס נישט..." פארוואס דער וואס איז נאכנישט געגאנגען לערנען דאקטעריי טראכט, איך האב עס, איך וויל עס גיין לערנען, ער זאגט נישט: איך בין נישט קיין דאקטער, איך האב עס נישט... ניין! איך האב עס יא! און פארדעם גיי איך לערנען.

"יעדער איד האט אין זיך דעם געפיל און ווארעמקייט אין הארץ. נאר וואס? מ'דארף לערנען וויאזוי עס ארויסצוברענגען"

ווען ס'קומט צו רוחניות זאגן מענטשן: איך האב נישט קיין געפיל אין דאווענען, איך האב נישט קיין געפיל אין שבת, איך האב עס נישט. פונקט פארקערט! יעדער איד האט עס. דאס זאגט אונז חודש אלול, 'אני לדודי', יעדער איד האט אין זיך דעם געפיל און ווארעמקייט אין הארץ. נאר וואס? מ'דארף לערנען וויאזוי עס ארויסצוברענגען, אז מ'זאל עס לעבן און זען ווי מ'האט עס יא.

אין דער נושא פון דאווענען, איז אויך דא די השגה. דאווענען איז א זאך אזויווי יעדע זאך אין עבודת ה', וואס מ'דארף לערנען וויאזוי ארויסצוברענגען פון זיך דאס דאווענען, און מגלה זיין אז איך בין א דאווענער, און מגלה זיין וויפיל ווארעמקייט און הארץ איך האב אין זיך.

*

## פירוש המילות און משמעות

**וואס** דארף מען לערנען אין דעם נושא פון דאווענען? וואס איז דא צו לערנען? ס'איז דא דריי זאכן צו לערנען. די ערשטע זאך; טייטש. פשוט'ע טייטש צו פארשטיין און וויסן וואס מ'זאגט.

די צווייטע זאך, איז אריינברענגען א משמעות אין די ווערטער וואס מ'זאגט. ווייל דאווענען איז דאך 'עבודה שבלב'. ביים דאווענען דארף די הארץ פילן די ווערטער וואס מ'זאגט, ס'איז נישט גענוג אז מ'זאגט עפעס. איך דארף האבן א געפיל און א ווארעמקייט אין די זאך וואס איך זאג.

איך וועל אייך געבן א דוגמא, וואס עס איז דער חילוק צווישן 'טייטש' און 'משמעות'.

*

## רבי יענקעלע גאלינסקי'ס בריוו

**איך** האב געהערט אמאל א געוואלדיגע מעשה פון **ר' יענקעלע גאלינסקי** ז"ל. זיינע קינדער האבן געוואוסט, אז ביי אים אין שטוב האט ער א בריוו וואס איז זייער א חשוב'ע בריוו. ס'איז געווען גוט איינגעפאקט, און ער האט זייער אכטונג געגעבן אויף דעם. יעדע פאר טעג פלעגט ער עפענען דעם בריוו, עס ארויסנעמען, ליינען, יעדעס מאל באזונדער פלעגט ער ווערן מרוגש, נאכדעם פלעגט ער עס איינפאקן צוריק און אוועקלייגן. די קינדער האבן נישט פארשטאנען וואס איז דער בריוו, און פארוואס איז עס אזוי חשוב.

איין טאג האט פאסירט גאר אן אינטערעסאנטע זאך. דער טאטע קומט אהיים «

פון שחרית, אויפגעלייגט, פריש, און ער גייט צו צום בריוו אזוי ווי יעדן טאג, ער נעמט עס ארויס, אבער אנשטאט לייענען דעם בריוו, נעמט ער דעם בריוו, און ער צערייסט עס אויף שטיקער. אויס בריוו, געענדיגט!... ס'איז געווען א פלא. דאס האבן די קינדער שוין נישט געקענט פארשטיין. אמאל איז דא א מענטש וואס ווערט אויפגערעגט, אין כעס, טוט ער א נארישע זאך. ר' יענקעלע איז געווען א דערהויבענער איד, אבער ער האט עס געמאכט מיט אזא ישוב הדעת, מיט אזא שמחה. וואס איז געשען דא? וואס טוט זיך דא?

זענען זיי צוגעגאנגען צום טאטן און געזאגט: "זיי אונז מסביר ביטע, וואס איז געווען דער בריוו? און וואס איז יעצט געשען מיט דעם בריוו?"

האט דער טאטע זיי געזאגט, ער האט געטראכט ביי זיך, ער גייט קומען אין עולם האמת, און מ'גייט אים פרעגן, "ווער ביסטו? וויאזוי הייסטו?" גייט ער זאגן, "יענקעלע גאלינסקי!" ברוב ענוותנותו האט ער געזאגט ווער גייט מיר אנקוקן, ווער בין איך? וואס?

אבער איין טאג האב איך באקומען א בריוו פון דעם חזון איש, און דער חזון איש האט געשריבן דארט אינעם בריוו, **'לכבוד ידידי ר' יעקב'**. האב איך געטראכט, 'דער חזון איש האט געשריבן אויף מיר אז איך בין זיין ידיד. אז איך וועל קומען אין הימל, און מ'וועט מיר פרעגן - ווער ביסטו? וועל איך זאגן, ווער איך בין איז נישט קיין נפקא מינה, מיר וועלן רעדן שפעטער דערוועגן, אבער איך וועל זאגן וועמענ'ס חבר איך בין! 'איך בין א חבר מיטן חזון איש'. און אויב זיי וועלן מיר פרעגן - ביסט זיכער? וועל איך זיי ווייזן כתב יד קדשו. דעריבער האב איך געטראכט, אז איך וועל הייסן מ'זאל מיטלייגן דעם בריוו מיט מיר לאחר מאה ועשרים'.

וואס איז געשען היינט? היינט האב איך געדאווענט שחרית, איך האב געזאגט די תפילה פון 'עזרת' וואס מ'זאגט יעדן טאג. און כ'האב היינט משים לב געווען וואס מ'זאגט דארט, 'וים סוף להם בקעת, וזדים העברת **וידידים העברת**'. האט איך געטראכט ביי זיך, וואס מיינט 'וידידים העברת?' דער אויבערשטער האט אריבערגעפירט זיינע ידידים. ווער זענען זיינע ידידים? אידישע קינדער. האב איך געכאפט אז איך האב נאך א ידיד! דער אויבערשטער איז מיין ידיד. שטעלט אייך פאר איך קום אן אין הימל, און מ'פרעגט מיר: "ווער ביסטו?" וועל איך זאגן: "ווער איך בין? איך האב א ידיד, א מורא'דיגער ידיד, דער הייליגער חזון איש, פלאי פלאים, חזון איש". ווי גרויס ס'זאל נאר זיין וועט מען מיר זאגן, וואס הייסט? דו ביסט א ידיד פון דעם אויבערשטן. דו ביסט א ידיד פונעם הייליגן באשעפער!

האט ער געזאגט: איך האב מחליט געווען, איך דארף צערייסן דעם בריוו, כדי איך זאל באמת ארייננעמען אין זיך אז איך בין א ידיד פון דעם אויבערשטן. דאס הייסט אריינגעברענגט א 'משמעות' אין די ווערטער וואס מ'זאגט ביים דאווענען.

עס איז נישט גענוג צו וויסן טייטש, עס דארף זיין מיט א טיפקייט, א משמעות און געפיל.

*



המשך פון עמוד ב'

אָטעמט נישט געהעריג, און דאָ האָט מען נישט קיין השגה וואו אויף דער וועלט מ'געפינט זיך!

ס'איז שעות שפעט, דער זון רוקט זיך שוין אויף אראפ, און געוואלד, וואָס טוט מען דאָ רבוש"ע?!

*

ווען מיר האָבן אָנגעהויבן אנערקענען אַז אונזערע דרך הטבע'דיגע פעולות ארבעטן נישט, האָט מען אנגעהויבן זיך מתבונן זיין: לאָמיר מתפלל זיין! לאָמיר טון עפעס דברים טובים! לאָמיר זיך עפעס מקבל זיין!

בחורים האבן אנגעהויבן זאָגן תהלים צוזאמען, זיך געבעטן צום רבוש"ע ער זאל שיקן א ישועה.

דאַן רופט זיך אָן איין בחור, א תלמיד הישיבה: **"אפשר לאמיר מאַכן א קבלה אַלע אינאיינעם, אז מ'גייט נישט רעדן ביים דאווענען?!"**

איינער האט קודם געזאגט יא, און איינער ניין, מ'האט געקווענקלט, אָבער ווי די צייט איז אריבער, און דער מצב ווערט נאר ערגער, איז קימו וקבלו עליהם, מ'האָט באשלאסן אז מ'גייט עס יאָ טון, נעשה ונשמע, לאָמיר זיך אינאיינעם מקבל זיין!

עטליכע בחורים האָבן זיך גענומען דערצו. זיי האָבן צאַמגענומען די קבלות, פון איינעם צום צווייטן. מ'האָט געבעטן יעדער זאל נעמען אויף זיך, אַז פאר פערציג טעג אין אַ צי גייט מען נישט רעדן ביים דאווענען!

איך האָב געזען ווי די בחורים נעמען עס אַזוי ערנסט, האָב איך אויסגערופן אַז דאָס איז זיכער אַ דבר גדול, און אַז דער אויבערשטער וועט העלפן – ער וועט זיכער העלפן אי"ה – אז אלעס וועט דורכגיין כשורה אָן קיין מכשולות, וועל איך עס מפרסם זיין ברבים אין "נקדישך", כדי אז גאנץ כלל ישראל זאָל זיך קענען מתבונן זיין אין די חסדי ה'.

ווי נאָר איך האָב דאָס געענדיגט זאָגן, און די בחורים האָבן זיך אַזוי ערליך און תמימות'דיג מקבל געווען – הערט זיך אַ געשריי!

איינער פון די רעטונגס-לייט האָט געהערט אונזער קול!!!

ער האָט אָנגעהויבן שרייען, און מיר האָבן צוריקגעשריגן! קורצליך דערויף, מינוטן ממש, האָט דער ערשטער וואָלונטיר אונז געטראָפן!!!

ווי נאר ער האט אונז געהאַט, האָט ער דורך די ראַדיאָ געמאָלדן זיין גענויע לאָקאַציע, און איינציגווייז האָבן אָנגעהויבן גרייכן נאָך מעמבערס, צווישן זיי געניטע הצלה-לייט, וועלכע האָבן באַהאַנדלט די בחורים וועלכע האָבן זיך געגויטיגט אין הילף!

פון דאָ און ווייטער, זענען מיר ב"ה געווען געראַטעוועט פון די גאנצע מיטמאַכעניש!

די וואָלונטירן האָבן אונז אראפבאגלייט, צוריק צו אונזער קעמפ, וואו אלע איבריגע תלמידים פון דער מחנה האָבן אונז אַנטפּאַנגען מיט פרייד און געזאַנג, ווען יעדער אָטעמט אָפּ, אַז מ'איז ב"ה אָפּגעקומען בלויז מיט שרעק, און יעדער איז צוריק געזונט און מיט גאַנצע גלידער!

*

הודו לה' כי טוב כי לעולם חסדו!

עס איז געווען ממש אָפן.

מיר האבן געוואנדערט שעות ארוכות, אונטער שווערע אומשטענדן, אָבער ווי נאר מ'האט געענדיגט די קבלה, האָט מען אונז ב"ה דערהערט, און מיר זענען אַרויס לאורה ב"ה, פריש און געזונט!

אבער די בחורים זאגן אז ממש נאכדעם וואס מ'האט זיך דאס אונטערגענומען, דעמאלט האט יענער דערהערט און געכאפט וואו אונז זענען און מ'האט אונז געטראפן.

**יא יא!**

**אז ס'איז געווען "וַיִּשְׂמְחוּ כִּי יִשְׁתֹּקוּ" איז מקויים געווארן דער "וַיַּנְחֵם אֶל מְחוֹז חֶפְצָם"!**



# זֶה לָזֶה
מכתבים • הערות • והארות

### ארויס און קיין חובות!

**לכבוד** המערכת.

עטליכע חדשים צוריק, פאר פסח, האב איך געלאזט א מעסעדזש, אז איך האב א בחור וואס מוטשעט זיך מיט שידוכים. קודם האב איך מקבל געווען עטליכע מאל נישט צו רעדן, אבל לא נושענו. האב איך זיך דעמאלס מתבונן געווען, אז אויף רעדן ביים דאווענען האב איך כמעט נישט קיין נסיון – עס איז מיר נישט קיין שווערע זאך. איך דארף טון עפעס וואס ציפט אַביסל... אוועקגעבן אביסל א הקרבה! דעמאָלט האב איך מקבל געווען, אַז איך וועל קומען אין ביהמ"ד פון אָנהויב דאווענען, און שוין זיין ביי ברכות אין ביהמ"ד.

דאָס איז געווען ממש וואונדערליך, ווי ממש נאך די פערציג טעג פון די קבלה, איז מיין זון א חתן געווארן בשעה טובה ומוצלחת!

דאס איז געווען וואס איך האב דאן דערציילט, און איך וויל יעצט מוסיף זיין א המשך צו די מעשה:

א שטיק צייט פריער, איז מיין טאכטער ב"ה א כלה געווארן, און איך האב יעצט געהאט א חתן וכלה אינדערהיים.

ברוך ה', שידוכים איז דא – אבער 'כסף מנלן?!' וואס וועט זיין מיט געלט?!

איך בין א שוואכער פארדינער, און דא האב איך צוויי חתונות, וואס קאסט סכומים «

# "מובטח לו געזונט, פרנסה, נחת"!

## שני מכתבי קודש הבאים באחד

בגודל סגולת הקבלה הקדושה שלא לדבר בשעת התפלה שנמסרו ע"י

## כ"ק אדמו"ר מבעלזא שליט"א

במשך ימי הקיץ העעל"ט לעדת צאן מרעיתו

ישכר דוב רוקח
קרית בעלזא
ירושלים ת"ו

בס"ד, כ"ו אייר תשפ"ו לפ"ק

עטרת שלו' ורב ברכות והצלחות,
אל מע"כ ידידנו הרה"ג, חו"ב בתו"ת,
מוהר"ר **שלמה דוד קליין** שליט"א,
דומ"ץ קהל מחזיקי הדת לונדון יע"א.

אחדשה"ט בלו"נ חפצה!

הנני בזה במענה למכתבו עם ההזכרה כאשר בדעתו לעורר את הציבור בשב"ק הבעל"ט להקפיד ביותר שאת על מורא מקדש ולנהוג כבוד בביהמ"ד.

המכתב הובא אל הקודש פנימה, וכ"ק מרן אדמו"ר שליט"א ציוה להשיב:

**נא לומר להם שכל מי שיקפיד על מורא מקדש לנהוג כבוד בביהמ"ד ושלא לדבר במשך כל התפלה מארון שלם עד ארון עולם, מובטח לו געזונט, פרנסה און נחת.**

הכו"ח בפקודת הקודש
א' ווייס
משב"ק

בצילא

ישכר דוב רוקח
קרית בעלזא
ירושלים ת"ו

בס"ד, ג' אלול תשפ"ו לפ"ק

עטרת שלו' ורב ברכות והצלחות,
אל מע"כ ידידינו היקרים והחשובים,
הדומ"ץ הרה"ג ר' **נתן בנימין עקשטיין** שליט"א
והעסקן הרה"ח ר' **אהרן יצחק רויד** שליט"א.
לונדון יע"א.

אחדשה"ט בלו"נ חפצה!

הנני בזה במענה לדו"ח ההזכרה לרגל התחזקות ציבור מתפללי ביהמ"ד דחסידי **בעלזא נחלת שלמה** בענין עבודת התפלה וכו'. המכתב הובא אל הקודש פנימה, וכ"ק מרן אדמו"ר שליט"א האציל את ברכתו הק' וציוה להשיב:

**יישר כוח.**

**והנני במטותא מכולכם להתחזק שלא לדבר בשעת התפלה וקריה"ת גם במבואות ובחדר שני וכו', וכן שלא להגביל את הקבלה לזמן של ארבעים יום בלבד, רק להמשיכה גם אחר כך.**

**יתן השי"ת שהדברים יעשו רושם ושההתעוררות תימשך להבא לעשות שורש וענף, ותתברכו כולכם בחיי אריכי, בני ברוכי ומזוני רויחא וכל הישועות, ולבוח"ט ושטו"מ בב"ע.**

הכו"ח בפקודת הקודש
א' ווייס
משב"ק

# קבלתי ו[עדיין]לא נושעתי

### מדור מיוחד אויף 'דברי חיזוק והדרכה' ווען מען זעהט נישט קיין ישועה נאכן נעמען די קבלה

## 'ועדיי"ן לא נושעתי'

**איך** האב שטארק הנאה געהאט פונעם נייעם קאלום 'התפללתי ולא נשעתי', דער אמת איז אז דאס איז א זאך וואס דארף אסאך חיזוק בדורינו.

איך האב נאר געוואלט זאגן צוויי הערות.

איינס, 'ולא נושעתי' איז נישטאָ אזא זאך; א איד וואס האט מקבל געווען א קבלה, ער רעדט נישט ביים דאווענען איז ער געהאלפן געווארן!

ער איז א געהאלפענער, ווייל ער טוט דעם רצון השם!

ער איז אפשר נישט געהאלפן געווארן מיט זיין פרטיות'דיגע זאך וואס ער האט געוואלט, אבער צו זאגן ולא נושעתי? נישטא אזא זאך! דאס אליין איז שוין א גרויסע ישועה פאַר זיך.

די צווייטע הערה, 'ולא נושעתי' איז אומריכטיג, אפילו ווען מ'רעדט פון זיין פערזענליכע ישועה אויף וואס ער קוקט ארויס. וויאַזוי ווייסטו?

אפשר '**ועדיין** לא נושעתי', נישט יעדע זאך געשעט אין איין טאג און נישט אין איין וואך, אמאל נעמט עס צוויי יאר. און אמאל האט דער רבוש"ע זיין חשבון. מ'קען זאגן 'ועדיין לא נושעתי', איך ווארט נאך געהאלפן צו ווערן.

אַזויווי גרויסע צדיקים האָבן זיך אונטערגעשריבן "מצפה לישועת ה'". א איד זאגט קיינמאל נישט 'ולא נושעתי'. א איד איז אייביג "מצפה לישועת ה'", מ'האפט יעדע מינוט אז מ'וועט אי"ה געהאלפן ווערן.

וויפיל מאל הערט מען א מעשה, אז אה, מ'האט געמוזט וואַרטן אַזויפיל יארן אויפן שידוך, ווייל דער חתן האט געדארפט ווערן אזוי אלט און די כלה האט געדארפט ווערן אזוי אלט...

ווען די ישועה קומט, פאלן אזויפיל זאכן אין פלאץ, און מ'פארשטייט דעמאלס ווי אלעס איז געווען אזוי פונקטליך פלאנירט פון הימל.

'ועדיין' - דער אויבערשטער וועט העלפן, ווייל ס'וועט קומען.

דאס זענען מיינע הערות, אבער בכלליות איז עס געוואַלדיג! דער ענין איז א וויכטיגער ענין, און ס'איז וויכטיג צו רעדן דערפון. און אדרבה, זאלן זיך אידן אויסשמועסן, און ס'זאל ארויסקומען די ריכטיגע הבנה און כבוד שמים!

*הערת המערכת: יש"כ על ההערה נכונה, ווי איר זעהט האבן מיר צוגעלייגט דאס ווארט צום קעפל.*

*

## דאס אליין פועל'ט א ישועה

**בנוגע** די פרישע 'קבלתי ולא נושעתי' קאלום, שיק איך אייך אריין מתוך די דברים כדרבונות וואס עס האט משמיע געווען דער חשוב'ער תלמיד חכם און פה מפיק מרגליות, הרה"ג ר' אלי' מאיר סמיט שליט"א, היי-יאר ביים יארצייט סעודה לע"נ בעל תוס' יו"ט אין קראקא. איך געב עס איבער כלשונו:

"...אבער איין הערה וויל איך זאגן, אמאל האבן מענטשן חלישת הדעת אזויווי א איד האט מיר געזאגט: 'איך פארשטיי נישט, דו טוסט אין דעם ענין פון נישט רעדן ביים דאווענען צוויי און פערציג יאר, פארוואס קומט דיר אזעלכע נסיונות?...'

"רבותי, איך פארשטיי נישט די קשיא. פאר מיר איז דאס נישט קיין קשיא בכלל! ס'זענען אבער דא מענטשן וואס גייען ארום, זיי זענען זיך מקבל און מ'זעט נישט קיין ישועה.

"טייערע אידן, מ'דארף פארשטיין, ס'איז נישטא קיין קבלה וואס איז נישט בוקע שמים וארץ! ס'איז נישטא אזא זאך!

ס'איז דא א מורא'דיג ווארט פונעם בריסקער רב. דער בריסקער רב זאגט, די גמרא זאגט אז איינער האט מתפלל געווען ואינו נענה, יחזור ויתפלל.

"פרעגט דער בריסקער רב: 'וואס איז די מעלה פון די צווייטע תפילה, אויב די ערשטע תפילה האט נישט גע'פועל'ט וואס איז די מעלה פון די צווייטע?' זאגט דער בריסקער רב א מורא'דיגע זאך: 'א מענטש כאפט א מורא'דיגע התעוררות צו דאווענען, אבער לא נענה, און ער דאווענט נאכאמאל, דאס ווייזט אז ער האט אמונה אין הקב"ה, און דאס אליין פועל'ט א ישועה'.

"ס'קען זיין, א מענטש נעמט א קבלה, והייתם לי סגולה, אבער ער זעט אז ער איז נישט געהאלפן געווארן און ער איז זיך מחזק, דאס איז אמונה און דאס פועל'ט די ישועה!

"מורי ורבותי, ס'איז נישטא אזא זאך אז א מענטש וואס רעדט נישט ביים דאווענען, ער איז נזהר אין קדושת ביהמ"ד, און ער ברענגט נישט אריין קיין סעלפאן אין ביהמ"ד – אז ער זעט נישט קיין ישועות. ס'איז נישטא אזא זאך!

מענטשן זענען מיר געקומען אז ס'איז נישט אמת, האב איך זיי געזאגט: "איך זאג אייך אין פנים אריין..."! צום סוף האט ער מודה געווען אז ער ברענגט יא אריין דעם סעלפאן אין שול. ער טענה'ט אז ס'איז כשר. אבער אין שול איז נישטא קיין חילוק צווישן כשר און טריפה.

מורי ורבותי, אז מ'נעמט זיך א קבלה און מ'זעט אז ס'העלפט נישט אזוי שנעל, יחזור ויקבל, ער זאל מאכן נאך א קבלה, ער זאל ווייזן זיין אמונה, און אין זכות וואס דער אויבערשטער זעט אז מ'האט אמונה אין דעם ענין פון קדושת ביהמ"ד, וועט מעורר זיין אלע אידן ישועות ורפואות, און מ'וועט געהאלפן ווערן בכל מילי דמיטב, אמן!

## זֶה לָזֶה

עצומים. האב איך מחליט געווען, אז אויב האב איך געהאט א ישועה מיט מיין בחור ווען איך האב זיך מקבל געווען אויף א נסיון, וועל איך נאכאמאל מקבל זיין אויף נאך פערציג טעג, אויף 'שלימות התפילה', זיין אין ביהמ"ד על מקומי מתחילה ועד סוף, און איך האב געבעטן דעם אויבערשטן, אז אין דעם זכות זאל איך ארויסקומען פון ביידע חתונות אן קיין שום חובות.

איך וועל נישט מאריך זיין וויאזוי ס'איז געגאנגען. איך וויל נישט אריינגיין אין קיינע פריוואטע פרטים. אבער אזויפיל וועל איך יא זאגן בפה מלא, איך האלט שוין יעצט ב"ה נאך ביידע חתונות, און ב"ה ביז די לעצטע פעימענטס האב איך געדעקט אלעס!!! עס איז נישט געבליבן קיין דאלער חובות!

ס'איז שווער צו גלייבן - ס'איז אריינגעקומען ריזיגע סכומים, און איך בין ארויסגעקומען אן קיין חובות ב"ה, און אויפן וועג נאך אריינגעשטופט אביסל אנדערע זאכן אויך...

ביי מיר איז בלתי שום ספק, אז דאס אלעס איז נאר אין זכות פון די הייליגע קבלה.

דער אויבערשטער זאל העלפן, איר זאלט ממשיך זיין מיט די פעולות עצומות, וואס איז אזוי הפלא'דיג מזכה כלל ישראל. איך ווייס נישט צי ס'איז דא נאך איינער מיט אזא זיכוי הרבים ווי דאס. לדעתי איז נישט פארהאן בדומה לה!

איך בעט אייך זייער שטארק נישט




## זֶה לָזֶה

אריינצולייגן, נישט דעם נאמען און נישט די פרטים

ישר כחכם וכל טוב, אמן.

*

## שלש עשרה לחופה

**א** גוטן, דא רעדט אַ בחור ש.י.א. איך לערן יעצט דא אין א ישיבה אין א״י, וואו ס׳זענען דא צוויי און פופציג בחורים. די ישיבה איז מער פאר עלטערע בחורים, מ׳איז צווישן צוויי און צוואנציג/דריי און צוואנציג, און די שידוכים דארט רוקן זיך זייער שטייט.

מ׳האט שוין פרובירט פארשידענע סגולות, דאס און יענס, אבער גארנישט האט זיך נישט אויסגעארבעט. ביז איינער האט געליינט א ׳נקדישך׳ גליון, מ׳האט געזען וואס אידן שרייבן אלס אריין, און ס׳איז געווארן א גאנצע ווינט אין ישיבה פון זיך אונטערנעמען ׳נישט צו רעדן ביים דאווענען׳.

מ׳האט זיך געהאט אונטערגענומען נישט צו רעדן פאר דריי חדשים, און מ׳האלט שוין יעצט נאך צוויי חדשים, און ׳דרייצן בחורים זענען שוין ב״ה געווארן חתנים׳ בשעה טובה ומוצלחת! עס איז ממש אפן, פלאי פלאים!

ביטע עס ארייגלייגן צווישן די בריוון וואָס אידן שיקן אריין, ס׳זאל זיין א חיזוק פאר אלע עלטערע בחורים, אז מ׳זאל שכל האבן, מ׳זאל זיך אונטערנעמען די קבלה, און האפנטליך זען ישועת ה׳ במהרה.

אשריכם חשוב׳ע ׳ראשי קרן תוספות יום טוב׳, כלל ישראל איז אייך מכיר טובה!

### מי שברך שחיבר מרן בעל תוס׳ יו״ט זיע״א

**מִי שֶׁבֵּרַךְ** אֲבוֹתֵינוּ אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן דָּוִד וּשְׁלֹמֹה, הוּא יְבָרֵךְ הַשּׁוֹמֵר פִּיו וּלְשׁוֹנוֹ מִלְּהַפְסִיק בְּשׁוּם דִּיבּוּר. מִן בָּרוּךְ שֶׁאָמַר עַד גְּמַר הַתְּפִלָּה וּבִשְׁעַת קְרִיאַת סֵפֶר תּוֹרָה שֶׁבְּצִיבּוּר: אֲפִילוּ בְּדִבְרֵי תּוֹרָה וְאֵיזֶה דִּיבּוּר כָּל שֶׁכֵּן בְּשִׂיחַת חוּלִּין וְסִיפּוּרֵי שְׁמוּעוֹת. וְיָחוּלוּ עָלָיו כָּל הַבְּרָכוֹת הַכְּתוּבוֹת בְּתוֹרַת מֹשֶׁה רַבֵּינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם וּבְכָל סִפְרֵי הַנְּבוּאוֹת: יִרְאֶה זֶרַע כָּשֵׁר חַיִּים וְקַיָּמִים. וְיִזְכֶּה לִשְׁנֵי שׁוּלְחָנוֹת שֶׁבִּשְׁנֵי עוֹלָמִים: שֶׁהֵם הָעוֹלָם הַזֶּה שֶׁעָלָיו נֶאֱמַר וְהִנֵּה טוֹב. וְהָעוֹלָם הַבָּא שֶׁהוּא יוֹם שֶׁכֻּלּוֹ אָרוּךְ גַּם טוֹב: וְנֹאמַר אָמֵן:

KEREN TOSFES YOM TOV
670 Myrtle Ave #6449
Brooklyn NY 11205
Tel: 212.299.9185 Fax: 212.244.6551
Email: Gilyon@KTYT.org